**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## ICYMI: גאווערנער האקול'ס גאסט קאלומנע אין דעם USA TODAY צייטונגען: עס קומט זיך פאר טענעסי לעגיסלאטיווע שריט – נישט אטאקעס אויף די דעמאקראטיע

היינט האבן די USA Today צייטונגען פארעפנטליכט א גאסט קאלומנע געשריבן דורך גאווערנער קעטי האקול איבער די וויכטיגקייט פון 'רויטע פאן' געזעצן צו פארמיידן רעוואלווער פארברעכן נאכפאלגנדיג די טראגישע שיסעריי אין נעשוויל און לואיסוויל. דער טעקסט פון דעם מיינונג ארטיקל קען מען לייענען אונטן און קען ווערן געזען אנליין [דא](#).

*די טראגישע סצענע וואס איז פארגעקומען לעצטע חודש ביי די 'קאווענענט סקול' אין נעשוויל איז געווען מער באקאנט ווי עס דארף זיין — די דערשראקענע עלטערן, די לערערס און קינדער זיך שטארק אנכאפנדיג איינער דעם אנדערן און די אמת'דיג העלדישע ערשטע הילף מאנשאפטן וועלכע האבן זיך געיאגט צום רעטונג.*

*דאס וואס איז אמאל געווען אומבאגרייפליך אין אונזער לאנד איז געווארן א שרעקליך אפטע ערשיינונג: עס זענען שוין געווען 130 מאסן שיסערייען אין די פאראייניגטע שטאטן ביז היינט דעם יאר, לויט די רעוואלווער פארברעכן ארכיוו.*

*אבער עפעס ניי האט פאסירט נאך די נעשוויל שיסעריי: צוויי יונגע, טונקל-הויטיגע סטעיט געזעצגעבער זענען פארטריבן געווארן פון טענעסי'ס לעגיסלאטור. זיי האבן זיך געוואגט צו שתדל'ן און דעמאנסטרירן אין א פרידליכע פראטעסט פאר שכל'דיגע וואפן זיכערהייט געזעצן. זיי האבן אפגעהילכט די שטימעס פון די שילער וועלכע האבן פראטעסטירט און ארויסשפאצירט פון זייערע קלאסצימערן נאכפאלגנדיג אין די פיסטריט פון די קוראזשפולע 'מארדזשארי סטאָונמען דאגלעס' הויך שולע שילער וועלכע זענען געווארן נאציאנאלע פירער נאך די שיסעריי ביי זייער פלארידע סקול.*

*די אנטי-דעמאקראטישע שריט פון די לעגיסלאטור טוט נישט נאר אוועקגיין פון די נארמאלע סטאנדארטן פון אונזערע ערוויילטע קערפערשאפטן, נאר עס גייט אויך קעגן די ווילן פון די מענטשן — וואפן זיכערהייט געזעצן ווערן געשטיצט נישט נאר דורך א מערהייט פון אמעריקאנער נאר אויך דורך רוב טענעסי איינוואוינער.*

*אין א לעצטיגע אנקעטע וואס איז געמאכט געווארן איבערן סטעיט דורך די 'וואנדערבליט צענטער פאר געזונטהייט פאליסי' האבן 70.5% פון די געפרעגטע געזאגט אז זיי גלויבן אז סקולס וואלטן געווען זיכערער אויב א 'בעקגראונד טשעק' וואלט פארלאנגט געווארן פאר יעדער וואס וויל זיך איינקויפן א וואפן. און מער פון 63% פון עלטערן האבן געזאגט אז סקולס וואלטן געווען זיכערער אויב פאמיליעס און געזעץ אינפארסירונג וואלטן געקענט צייטווייליג באגרעניצן א מענטש'ס צוטריט צו הייסע וואפן.*

*דאס איז געווען וואס מיר האבן געטוהן אין ניו יארק, נאך 10 מענטשן האבן פארלוירן זייערע לעבנס אין א ראסיסטישע מאסן שיסעריי אין מיין היימשטאט באפעלאו כמעט איין יאר צוריק. איך האב זיך באלד גענומען צום ארבעט מיט אונזער סטעיט לעגיסלאטור, און וויניגער פון א חודש נאך די אטאקע אין באפעלאו האבן מיר אריבערגעפירט א היסטארישע רייע פון געזעצן צו פארשטערקערן די סטעיט'ס וואפן געזעצן און צו באשיצן ניו יארקער. די רייע געזעצן האבן אריינגערעכנט די פארבאט פון פארקויפן סעמי-אויטאמאטישע וואפן פאר סיי וועם אונטער 21 און דאס פארשטערקערן אונזערע עקזיסטירנדע וואפן געזעצן, אריינרעכענענדיג 'רויטע פאן' געזעצן, צו פארמיידן צוקונפטיגע טראגעדיעס.*

*וויאזוי 'רויטע פאן' געזעצן קענען ארבעטן*

*'רויטע פאן' געזעצן ערלויבן די געריכט הייזער צו ארויסגעבן אן 'עקסטרעמע ריזיקע שוץ באפעל' (extreme risk protection order, ERPO) צו אוועקנעמען וואפנס פון מענטשן וועלכע קענען מעגליך זיין א סכנה פאר זיך אדער אנדערע, און לעצטע זומער האבן מיר געמאכט די געזעצן נאך שטערקער. יעצט קענען געזעץ אינפארסירונג, און אזוי אויך לערער/ינס, סקול הנהלה, פאמיליע מיטגלידער און א ברייטע רייע פון געזונטהייט פראפעסיאנאלן אויך אויפהייבן א רויטע פאן און אריינגעבן א פארלאנג פאר אן ERPO אויב זיי זענען באזארגט אז איינער איז אין א קריזיס. שטרענגע פראצעדורן זענען אוועקגעשטעלט געווארן פאר לעגאלע וואפן אייגנטימער, אריינרעכענענדיג א געריכטליכע געהער און א רעכט פאר א לויער.*

*א הויכע צאל פון 56% פון די וועלכע פירן דורך מאסן שיסערייען ווייזן ארויס באאומרואיגנדע אויפפירונג, אדער מאכן זיי ספעציפישע סטראשענונגען, בעפארן דורכפירן אן אטאקע. דאס איז וואס עס האט פאסירט אין נעשוויל: דער שיסער האט געהאט באקאנטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען און האט באקומען באהאנדלונג. מיט דעם אלעם האבן זיי נאכאלץ געקענט לעגאלערהייט איינקויפן א זאפאס פון טויטליכע וואפנס.*

*אויב וואלט טענעסי ווען געהאט א 'רויטע פאן' געזעץ וואלט א פשוט'ע בקשה פון דעם שיסער'ס עלטערן אדער פריינט צו די געריכט געקענט פארמיידן די טראגעדיע. און אין מאנטאג'ס אטאקע אין לואיסוויל, ווען דער אנגעבליכער שיסער האט געשיקט א טעקסט מעסעדזש צו עטליכע פון זיינע חברים לאזנדיג וויסן זיינע כוונות און ווען ער האט געלאזט א נאטיץ פאר זיינע עלטערן, וואלט אן עמערדזשענסי שוץ באפעל ווארשיינליך געקענט ראטעווען לעבנס. אין ניו יארק איז דאס געשעהן 8,000 מאל ביז היינט – זינט די געזעצן זענען פארשטערקערט געווארן, און מיר האבן געארבעט צו זיכער מאכן אז ניו יארקער זענען באקאנט מיט די מעגליכקייטן וואס זיי האבן זיך צו באנוצן דערמיט, און 'רויטע פאן' געזעץ אפליקאציעס האבן זיך פארמערט זעקס מאל פון פאראויס.*

*דער געזעץ ארבעט — מער פון 78% פון ERPO'ס אין ניו יארק זענען אריינגעגעבן געווארן נאך מיר האבן פארשטערקערט אונזערע 'רויטע פאן' געזעצן און נאכדעם וואס מיר האבן פארברייטערט די סארטן מענטשן וועלכע זענען בארעכטיגט צו פארלאנגען א שוץ באפעל לעצטע יאר. מיר זענען אויך אריין אין א שותפות מיט Everytown for Gun Safety (יעדע שטאט פאר וואפן זיכערהייט) צו אפהאלטן טרענירונג סעסיעס איבער אונזערע 'רויטע פאן' געזעצן, אריינרעכענענדיג אנווייזונגען איבער וויאזוי צו אריינגעבן א שוץ באפעל צו פארמיידן א מענטש וואס קען זיין פאטענציאל סכנות'דיג פונעם צוקומען צו א וואפן.*

*טראץ שטארקע באווייזן אז 'רויטע פאן' געזעצן ראטעווען לעבנס, האבן 31 סטעיטס, אריינרעכענענדיג טענעסי, נאכאלץ זיי נישט אנגענומען. דאס דארף זיך טוישן. אין פעברואר פון די יאר האט פרעזידענט דזשאוביידן צוגעטיילט 231 מיליאן דאלאר פאר סטעיטס צו איינפירן קריזיס אינטערווענץ פראיעקטן ווי 'רויטע פאן' געזעצן. דאס איז א גוטע אנהויב, אבער סטעיטס דארפן זיך ארויפשארן די ארבל ווען עס איז נישט א נאציאנאלע 'רויטע פאן' געזעץ.*

*סטיט געזעצגעבער אין טענעסי און אריבער דאס לאנד דארפן זיין וויסן אז עס איז דא דירעקטע קשר צווישן שכל'דיגע וואפן געזעצן און לעבנס וואס ווערן געראטעוועט. די באווייזן זענען קלאר — סטיטס מיט שטרענגערע וואפן געזעצן האבן נידעריגערע ראטעס פון וואפן טויטפעלער. לויט די CDC האט ניו יארק א ראטע פון טויטפעלער פון וואפן וואס שטייט אויף 5.3 פער יעדע 100,000 — די פינפטע נידעריגסטע אין די לאנד. טענעסי'ס ראטע איז פיר מאל אזוי הויך.*

*און צום שלוס, אלץ די ערשטע ניו יארקע גאווערנער וואס איז אויך א מאמע, מאכט מיר עס קראנק אין הארצן צו וויסן אז פארמיידליכע רעוואלווער פארברעכן איז יעצט די הויפט אורזאך פון טויט פאר קינדער און צענערלינגען אין די פאראייניגטע שטאטן, זעהענדיג א ריזיגע 50% העכערונג צווישן 2019 און 2021, לויט א נייע אנאליז פון די 'פיו' פארשונג צענטער.*

*אנשטאט פארטרייבן געזעצגעבער וועלכע קעמפן צו ראטעווען קינדער'ס לעבנס, דארפן די ערוואקסענע אויפוואקסן און ארבעטן צוזאמען אין די טענעסי לעגיסלאטור צו באשיצן די קינדער.*

*עס איז העכסט צייט צו אפשטעלן די בלוט פארגיסונג אין טענעסי און ארום דאס לאנד.*

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן